STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04204

UMZISTER TUML

Daniyel Marshak

Permanent preservation of this book was made possible by Jacob Jacoby, Ph.D. & Phyllys Gloria Karp in loving memory of their father David Jacoby, Yiddishist

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעריע א דראַמאַטישע ווערק № 4

ד. מאַרשאַק

אומזיסטער טומל

קאָמעדיע אין איין אַקט

רעזשיסיאָרישע באַמערקונגען
פון אָלענדער

פארלאג פון דער ווייסרוסישער געזעלשאפט פון דראמאטורגן
און קאָמפּאָזיטאָרן

גלאווליטבעל 1048
זאק. 1346—3000 עקז.
„פאלעסדרוק"

דאַניעל מאַרשאַק, מיטגליד פון דער ווייסרוסישער געזעלשאַפט פון דראַמאַטישע שרייבער, געבוירן אין יאָר 1872 אין קורלאנד.

שרייבן און לייענען זיך אויסגעלערנט אינדערהיים און צו 11 יאָר אַוועק צו דער אַרבעט. לויט דער פּראָפע-סיע אַ שוסטער.

אָנגעהייבן זיך דרוקן אין יאָר 1905. כוץ דער פּיעסע „אומזיסטער טומל", זיינען פאַראַן זיינע געדרוקטע דראַ-מאַטישע ווערק: 1) „דאָס זיבעטל", אַ פּיעסע פאַר קינדער און 2) „טאַמאַרע", אַ פּיעסע אין 3 אַקטן.

פערזאָנען:

סימכאָוויטש, לאַזאַר מאָיסעיעוויטש—פּאָרזיצער פון טרעסט-אַן עלטערער מענטש.

לוסטער, באָריס וולאַדימיראָוויטש—געהילף-פּאָרזיצער. א גראָבער. גלאַט ראַזירט, אַריסטאָקראַטיש, רעדט אונטערן נאָז.

מאַזורקאָ, איגנאַץ קאַזימיראָוויטש—סעקרעטאַר, אַ פלינקער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר שפּיציקע ווענצעלעך. רעדט מיט אַ קוויטש.

ווּעסיאָלער, אלעקסאַנדער מאַקסימאָוויטש—געשעפטפירער, זויערער פּאָנים, אַ בערדל, שטאַרק קורצזיכטיק.

לעקעך, אַיסאַק סאַמאָילאָוויטש—בוכהאַלטער, אַ געשטופּלטער-מיט אַ בייכל, רעדט מיט אַ מיידלשן קאָל.

זינגער, יאָסקע—קורייער.

טאַנצפוס, סאַרע מאַרקאָוונע—מאַשיניסטקע.

טייגלמאַן—הינקט אַף דער רעכטער פוס. פּאָנפּעט.	אַגענטן.
סיווּושין—הינקט אַף דער לינקער פוס, זאַיקעט זיך.	

אָנגעשטעלטע.

די האַנדלונג קומט פאָר אין קאַנצעליאַריע פון שפּייז-פּראָדוקט-עקסטראַקט-טרעסט אין דער היינטיקער צייט.

אַ צימער אין טרעסט. טירן רעכטס און לינקס און אין הינטערגרונט.

זינגער. (קלייבט צו צוזינגענדיק).

היי, דו פידעלע מיט ציטערדיקע סטרונעלעך,
כ׳קאָן פון ליבע קיין אָרט ניט געפינען זיך.
זינג מיר, הילכיקע מיינע דו פידעלע,
פון מיין יונגער קאָמסאָמאָלקעלע א לידעלע
היי „קים״—יאָג דעם כורבן!
ס׳נייע לעבן צו דערוואָרבן—
טיפער, טיפער אַקער אופעט
אונדזער ליכטיקע צוקונפט.

אַי, אַי, אַי, צעזונגען זיך! באלד הייבן זיי זיך שוין אָן צונויפצוקומען. (ארבעט געשווינט) זאָל מען ניט זאָגן, אַז איך האָב דעם לעצטן טאָג מאַנקירט מיט דער ארבעט. (עס הערן זיך טריט). אוי, מע גייט שוין. געשווינט, יאָסקע, געשווינט!

סימכאָוויטש (קומט פון הינטערגרונט). גוט מאָרגן, כאַווער זינגער. עס זינגט זיך באַ אַייך, כע...כע... נו, נו, זינגט, ווי לאַנג עס זינגט זיך. אָבער די אַרבעט נאָר ניט פאַרגעסט.

זינגער (פארשעמט). איך האָב געמיינט, אַז קיינער הערט ניט.

סימכאָוויטש. נישקאָשע געמיינט, אַפן גאַס אַזש האָט זיך געהערט, כע-כע.

זינגער. איך האָב זיך ניט געריכט, אַז איר וועט אַזוי פרי אָנגיין, כאַווער סימכאָוויטש.

סימכאוויטש. איך זאָג אייך גאָרנישט ניט, כאַווער זינגער. ווילאַנג קיינער איז ניטאָ און קיינעם שטערט ניט אין דער ארבעט... (קוקט אריין אין די זייטיקע צימערן) נו, נו, ארבעט, אַרבעט.

זינגער. מיין ארבעט כאַווער סימכאָוויטש איז אַ קלייניקע.

סימכאָוויטש. אלץ איינס. אַ קליינע ארבעט, אַ גרויסע אַרבעט—יעדע ארבעט איז וויכטיק.

זינגער. ריכטיק כאַווער סימכאָוויטש. אָבער איך מיין אַרבעט טו דאָך.

סימכאָוויטש. איך זאָג אייך גאָרנישט ניט. איז אָטוואָס, כ. זינגער. איך בין היינט פארנומען. איך וועל קומען ערשט אַ זייגער צוויי, און עפשער נאָך שפּעטער, איז זאָלט איר דאָס איבערגעבן.

זינגער. רעכט, כאווער סימכאָוויטש.

סימכאָוויטש. (אין טיר) זאָלט איר דאָס איבערגעבן.

זינגער. רעכט, רעכט, כאַווער סימכאָוויטש.

(סימכאָוויטש אָפּ אין הינטערגרונט).

זינגער. (צוקלייבנדיק, זינגט), היי, דו פידעלע מיט ציטערדיקע סטרונעלעך... (שטעלט זיך אָפּ). אַ לעצטן טאָג, עס הייבן שוין זיך די הענט ניט צו טאָן די אַרבעט. נאָר מ׳מוז, מ׳מוז. (ארבעט פלינק) זאָל מען ניט זאָגן, אַז איך האָב מאנקירט מיט דער ארבעט. (זינגט). „איך קאָן פון ליבע קיין אָרט ניט געפינען זיך”... און מאָרגן בין איך שוין אין אוניוועדסיטעט, און דערנאָך—א אינזשעניער! (צום פובליקום). איז דען דאָס א וווּנדער, אז עס זינגט זיך? און באַלד וועט נאָך קומען די שוואַרצע, און מ׳יר וועלן גיין זיך אָפּשרייבן, היי, יאָסקע! (זינגט) „זינג מ׳יר הילכיקע מיינע דו פידעלע, פון מיין יונגער קאָמסאָמאָלקעלע א לידעלע”. עך, עס וואָלט זיך מיר עפּעס וועלן עפּעס אָפּטאָן עפּעס אַזאַ, עפּעס אזא פריילעכן שפּיצל עפּעס אלעמען פארן אוועקגיין פונדאנען. נאָר אפריער דארף מען ענדיקן די ארבעט. (ארבעט פלינק).

טאנצפוס. (קומט ארײַן דורכן טיר רעכטס). יאָסעלע, אַהוּ! (שטעלט אים ארוים א צונג).

זינגער (סטראשעט מיטן בעזים). וואַרט, איכ׳ל דיר געבן!

טאנצפוס. וואָס האָב איך מוירע פאַר דיר! יאָס מיעסער.

זינגער. אָט גיי איך צו דיר! (גיט זיך צו איר א לאָז).

טאַנצפוס. וואָס מיינסטו, איך בין דאָס געקומען אזוי פרי זיך שפּילן מיט דיר? איך האָב אסאך ארבעט, האָב איך. (אנטלויפט רעכטס).

אין צימער רעכטס הערס זיך באלד קלאַפּן אף דער שרייב-מאשינקע. זינגער קלייבט צו, אונטערברומענדיק א ניגן.

זינגער. (שטעלט זיך אָפּ). שווארצע!

טאנצפוס. (אין צימער רעכטס). לאָז ארבעטן.

זינגער. ווערסט צייט האָבן שפּעטער, ווען אלע וועלן זיך צעגויפקומען ־ערוויילע לאָמיר אביסל שמועסן. (גייט צו איר).

טאַנצפוס. (אין צווייטן צימער). לאָז ארבעטן, לאָז, זאָג איך דיר!

זינגער. (אויך דאָרטן). וויל איך ניט, וואָס קענסטו מיר טאָן?

טאַנצפוס. (דאָרטן). אַי, אַי, אַי, יאָסקע, יאָסקע, איכ׳ל שרייען, איכ׳ל מאכן א גוואלד, זיי וועלן זיך אלע צעגויפלויפן—דער גאנצער זווערי־נעץ אונדזערער (לויפט אריין. ער נאָך איר). דער קיילעכדיקער לעקעכל מיט די געשטופלטע פּאמפּעשקעס און דער פּארקרימטער וועסיאָלער מיטן לאקריץ-שמייכעלע...

זינגער. אַפן זויערן מערידן פּענימל, כאַ-כאַ-כאַ, מיטן ציגענעם בערדעלע... (כאַפּט זי אָן, קושט זי).

טאַנצפוס. יאָסקע, יאָסקע, לאָז... און דער קוויטשיקער סעקרעטאַר מיט די צוגעשפּיצטע וואנצעלעך... ניט אזוי ווי בא דיר—גלאַט. פּע, א מיידלשער פּאָנים. דאַרף איך דאָך דיך ניט—קאָן איך דאָך א קוש טאָן אין א שפּיגעלע.

זינגער. הער אוף, שווארצע, איך ווער אייפערזיכטיק.

טאַנצפוס. דו אייפערזיכטיק? נארעלע. (גלעט אים). אף קיינעם ניט.

זינגער. קאָמסאָמאָלקעלע מיינע! (קושט זי שטארק).

טאנצפוס (באפרייט זיך פון אים) נו, גענוג, ליבינקער, איך האב דאָך היינט אסאַך אַרבעט. (וויל גיין, לאכט זיך פלוצלונג פאנאנדער), כאַ-כאַ-כאַ-כאַ-כאַ! אוי, יאָסעלע, איך האָב דאָך גאָר פארגעסן דיר צודערציילן. טרעף, וואס נעכטן איז געווען.

זינגער. מיטוואָך?

טאנצפוס. וועל איך דיר טאקע ניט דערציילן.

זינגער. נו, נו, נו, נו...

טאנצפוס. טאָ טרעף.

זינגער. נו, דערצייל שוין, דערצייל.

טאנצפוס. אי, טרעף.

זינגער. נו, ווי קאן איך דאָס טרעפן?

טאנצפוס. ניין—טרעף.

זינגער. מיסטאמע ווידער אימיצער?

טאנצפוס. אבער ווער?

זינגער. צי ניט אונדזער פארזיצער אליין—דער כאווער סימכאוויטש?

טאנצפוס. נו, ער נאָך! עס איז גענוג, אַז אונדזער געהילף, דער גרויס-ארטיקער אָפּגעפרעסענער כאווער לוסטער, האט זיך אראפּגעלאזן פון זיין אריסטאָקראטישער הויך צו א פאשעטער סאוועטישער מאשיניסטקע.

זינגער. נו?

טאנצפוס. געהאַט כיישעק אַ קוש צו טאָן.

זינגער. נו?

טאנצפוס. צעקאָך זיך נאר ניט. אף קיין דועל וועט דיר ניט אויסקו-מען צו גיין, איך קאן זיך אליין מיין שטעטל באשטיין.

זינגער. אזוי? קאָנסט? כאָכאָכאָ, שווארצע! אבער איך וואלט עפּעס וועלן פארן אוועקגיין עפּעס אָפּטאָן אַזאַ פריילעכן שפּיצל... אים, אלעמען... עפּעס אזא, עפּעס אזא...

טאנצפוס. „עפּעס אזא, עפּעס אזא"... יאָס נאַרישער, וואָס דארפסטו?—דו גייסט דאך שוין היינט אוועק.

זינגער. יאָ, אין אוניווערסיטעט! און אין פינף יאר ארום בין איך אן אינזשעניער! א רויטער אינזשעניער! אבער א העלד דיין יאס?—געארבעט און געלערנט זיך און אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט!

טאנצפוס. פשש... א בען יאָכיד איז ער! פאראן אסאך אזוינע קוריערן.

זינגער. נו, איז וואס?—זיינען זיי טאקע אלע ווילע יאטן. אבער איין זאך מוז איך נאך היינט אפּטאן, אניט ריר איך זיך פון ארט ניט: מיר גייען אפריער אין זאגס.

טאנצפוס. אניט גייסטו ניט אין אוניווערסיטעט?

זינגער. ניין.

טאנצפוס. א ליגן.

זינגער. אַן עמעס.

טאנצפוס. א ליגן.

זינגער. אן עמעס.

טאנצפוס. אן עמעס.

זינגער. אַ ליג... (פאַרכאַפּט זיך).

טאנצפּוס. א ליגן, א ליגן, א ליגן! כאַ-כאַ-כאַ! (לאַכן. קושן זיך).

טאַנצפּוס. אַך, ס'אַרא טאָג, ס'ארא ליבער טאָג! וואס דארפן מיר קלערן וועגן עקלהאפטע קריכערישע ביוראקראטן, לאמיר בעסער טראכטן, אז אלע—אלע זיינען בלויז כיעסדיקע ווילע קוריערן.

זינגער. און אלע, אלע—כיינעוודיקע, ליבינקע מאשיניסטקעס.

טאנצפּוס. אלע מאשיניסטקעס?

זינגער. אלע—קוריערן?

(לאכן, זינגען און טאנצן).

טאנצפּוס. מיר דוכט, מע גייט, צי גייט דאס ניט סימכאוויטש?

זינגער. סימכאוויטש? אי, ער איז שוין דא לאנג געווען און איז אוועק. ער האט געזאגט, אז ער וועט קומען אהער ערשט צוויי אזייגער אָדער נאך שפּעטער.

טאנצפּוס. אזוי האט ער געזאגט? אי, ס'ארא אַיינפאַל! און קיינער כוץ דיר, האט ניט געהערט?

זינגער. קיינער ניט.

טאנצפּוס. אי, ס'ארא כאַכאָמע איך בין, אי, ס'ארא איינפאל! היינט ווערט ער פארזיצער.

זינגער. ווער?

טאנצפּוס. אי, ס'ארא כאַכאָמע איך בין. יאסקע, דו ווילסט אים אפּ-טאָן עפּעס אזא, עפּעס אזא, עפּעס אזא פריילעכן שפּיצל.

זינגער. רייד שוין, שווארצע, וועמען מיינסטו?

טאנצפּוס. דעם גראָבן לוסטער מיין איך, היינט ווערט ער פארזיצער.

זינגער. לוסטער?

טאנצפּוס. אי, כאלעשט זיך אים אראפּשטופּן סימכאוויטשן, אי, ווילט זיך אים! אבער דו, יאסעלע, זאלסט פאלגן: איך בין דאך איצט דיין נאטשאלסטווע.

זינגער. ביז נאָכן זאַגס.

טאנצפּוס. און דערנאָך?

זינגער. פאלגן, פאלגן. אלעמאל פאלגן, ווי דען? אוואדע.

טאנצפּוס. געדענק, כעווערעמאן, א קאָטשערע וועט שטענדיק זיין בא אונדז אן אייזערנע.

זינגער. איכ׳ל פאלגן, איכ׳ל פאלגן, איך זאָג דאָך דיר...

טאנצפוס. און אַ שפּיצל אפּטאן עפּעס אזא, עפּעס אזא, ווילסטו? טאָ קום וועל איך דיר זאגן. (שלעפּט אים אוועק רעכטס).

וועסיאָלער (קומט פון הינטערגרונט, קוקט זיך אום אומצופרידן). קיינער נאך נישטא? אומזיסט געלאפן אזוי גיך. אוף, און דא איז גאר נאך קיין זאך ניט אין ארדענונג געבראכט, ניט אויסגעלופ־טערט אפילע. א קוריער!—שלאָפט אויך ביז האלבן טאג... בא אַזוינע פארזיצערס מיט סעקרעטארן, מיט, מיט... (שרייט) זינגער! (האָרכט זיך איין) זינגער, זינגער! נו, ווי געפעלט דאס אייך?— נישטא קיין קוריער! (טוט זיך אויס, הענגט אויף דעם מאנטל, פוצט אים ארום, צוקאַמט דאס בערדל, שפּאצירט דורך איבערן צימער, פרוווט א שמייכל טאן, שטעלט זיך אפּ מיט א זויערער מינע, שרייט): זינגער! זינגער! (קוקט אנגעשטרענגט אין אלע זייטן). זינגער! און דאס וואס שטייט? א בעזים? יא, א בעזים. א בעזים אינמיטן שטוב! (טאנצפוס קומט ארייַן. ער זעט זי ניט א בעזים גאר!) (גייט אום) א שיינע ארדענונג—א בעזים אינמיטן שטוב... (שלאגט זיך אָן אָן טאנצפוס) פו, א בעזים גאר!

טאנצפוס. גוט מארגן. אלעקסאנדער מאקסימאוויטש, איר האט מיך ניט דערקענט? א סימען—איך וועל רייך ווערן.

וועסיאָלער (פאריכט די שפּאקולן). א, דאס זייט איר גאר, סארע מארקאוונע? גוט מארגן, גוט מארגן, סארע מארקאוונע. (נעמט איר האנט, וויל ניט אפּלאזן) איר זייט שוין דא? אזוי פרי?

טאנצפוס (באפרייט איר האנט, רוקט זיך אפּ). ווי איר זעט, אלעק־סאנדער מאקסימיטש. איך האב געהערט, איר רופט דעם קוריער אונדזערן. יא, יא, איר קאָנט רופן. שטעלט אייך פאר—איך האב דאך אויך געדארפט אליין צוקלייבן און לופטערן און... און...

וועסיאלער. אזוי? איר אליין! (רוקט זיך צו איר, זי רוקט זיך אלץ אפּ). אזוי?! איר הערט, סארע מארקאָוונע, איך זאג—נאר בא אזוינע (קוקט זיך שטארק אום אין אלע זייטן) פארוואלטערס מיט פאר־זיצערס מיט, מיט, מיט... נאר בא אזוינע מענטשן, וואָס טויגן אליין צו גארנישט ניט, קאנען זיך האלטן אזוינע קוריערן און (שטילער, זיך אומקוקנדיק)—אזוינע סעקרעטארן, און נאך אנדערע..

טאנצפוס. און מאשיניסטקעס.

וועסיאָלער. כע, כע, כע, איר שפּאסט, סארע מארקאוונע. (כאפּט איר האנט) אך, דערלויבט, סארע מארקאוונע, דא איז בא אייך, דוכט זיך, א שטרויעלע אפּן אקסל.

טאַנצפּוס (רוקט אָפּ זיין האַנט). באמיט זיך ניט, כאַוער וועסיאָלער.

וועסיאָלער. אַך, סאַרע מאַרקאָוונע. ווען איר וואלט... (האַקט אָפּ). יאָ סאַראַ מאַרקאָוונע, אבער אינגיכן וועט זיין נייס, גאָר אינגיכן. אז זיי טויגן דאָך קיינער צו גאָרנישט ניט. קיין ברעקל איניציאַ-טיוו, און אינגאַנצן בלינד אין געשעפט, ווי איך זאָג אייך— בלינד, בלינדע מענטשן. זיי מוזן אלע אראָפּ. די סאָוועטישע אנשטאַלטן מוזן ביכלאל אָפּגערייניקט ווערן פונעם גאַנצן מיסט. און זיי וועלן אָפּגערייניקט ווערן!

טאַנצפּוס. יאָ, יאָ, זיי וועלן אָפּגערייניקט ווערן.

וועסיאָלער. אזא טרעסט, ווי אונדזער שפּייז-פּראָדוקט—עקסטראַקט טרעסט, וועלכער דאַרף זיך נאָך ערשט פאַרברייטערן, פאָדערט א מענטשן מיט איניציאַטיוו, מיט ענערגיע, א מענטש וואָס יאַכלט כע-כע-כע-כע. און זיי וואָס פאַרשטייען זיי דען און וואָס קאָנען זיי? גאָרנישט. טאַפּן אין דער פינצטער, ווי די בלינדע... ווע ניט איך...

טאַנצפּוס. ווען ניט איר...

וועסיאָלער. איך טרייסל זיי אלעמען אויס פון אַרבל. מיט איין קוק זע איך מער, איידער זיי זאָלן זיך אלע אינאיינעם זיבן יאָר קניבלען.

טאַנצפּוס. אלעקסאַנדער מאַקסימיטש, נאָר א בלינדער קען דאָס ניט זען.

וועסיאָלער. און ס'זיינען פאַראַן מענ...

טאַנצפּוס (ווייזט אים פונדערווייט א פינגער). און דאָס זעט איר?

וועסיאָלער (גיט האַסטיק א דריי דעם קאָפּ, שלאָגט זיך אָן אָן איר פינגער, וויל כאַפּן איר האַנט, כאַפּט אָן דעם בעזים). דאָס?

טאַנצפּוס. כאַ כאַ כאַ! דאָס איז דאָך א בעזים, אלעקסאַנדער מאַקסימיטש.

וועסיאָלער. אַך, סאַראַ מאַרקאָוונע, איך רייד דאָך ערנסט...

טאַנצפּוס. זאָג איך דאָך—נאָר בלינדער קען ניט זען, אז איר טרייסלט זיי אלעמען אויס פון אַרבל. איז דען דאָס ניט ערנסט?

וועסיאָלער. יאָ, יאָ, אזוי איז דאָס... און עס זיינען פאַראַן, זאָג איך, מענטשן זעענדיקע, פאַראַן זעענדיקע, סאַרע מאַרקאָוונע, פאַראַן זעענדיקע. (וויכטיק) איך האָב שוין אייערנעכטן געטרונקען טיי באַם כאַוער מאַרקוסעוויטש!

טאַנצפּוס. טיי באַם כּאוּוער מארקוסעוויטש? גוטע טיי געווען?

וועסיאָלער. ע, ניט וועגן דעם רעדט זיך.

טאַנצפּוס. וואָס דען—צובייסן? טאָרט געווען?

וועסיאָלער. אַך, סארע, מארקאוונע, איר פארשטייט דען ניט. טאָרט צובייסן... עט, פאר א האַלבן קערבל טרינק איך מיר טיי, ווי א גראַף, בעסערע איידער דאָרטן, מיט טאָרט און מיט לימענע און מיט, מיט, מיט... און זיך מיר צולייגט, ווי א...

טאַנצפּוס. מהם...

וועסיאָלער, ניט אַף א ברעג שטול... און בריען זיך.

טאַנצפּוס. אזוי?

וועסיאָלער. וואָס דען מיינט איר? אָבער די זאַך איז דאָך אין דעם, וואָס איך, סענדערקע וועסיאלער, טרינק טיי באַם כּאוּוער מאַר-קוסעוויטש. איר פאַרשטייט, סאַרא מאַרקאָוונע?—טיי באַם כּאַוּוער מאַרקוסעוויטש.

טאַנצפּוס. אהא—טיי באַם כּאוּוער מארקוסעוויטש.

וועסיאָלער. וואָס דען מיינט איר? דאָס הייסט דאָך, אז מיינע אקציעס האָבן זיך געהייבן, און מע קאָן האפן, אז...

טאַנצפּוס, אקציעס? וואָסערע אקציעס האלט איר?

וועסיאַלער. עס רעדט זיך אזוי. אַי, סארע מאַרקאָוונע, איר זייט דאָך נאָך גאָר א קינד, נאָר א ליָבע כּיעסדיקע קליינע מיידעלע. סאראָטשקע... (וויל זי ארומנעמען, זי רוקט זיך אָפּ). איר אנטלויפט פון מיר! עס מאכט ניט אויס—איר וועט באַלד ווערן אנדערש. כע-כע-כע...

טאַנצפּוס. ווען איר וועט זיין פאָרזיצער?

וועסיאָלער. טססס!...

מאַזורקאָ קומט פון הינטערגרונט. וועסיאָלער זעצט זיך שנעל צו דער ארבעט.

מאַזורקאָ (טוט זיך אויס). אוף! פארמאטערט זיך, קיינער נאָך נישטאָ? הם, יאָ (קוקט ארייַן אין די זייטיקע צימערן). א נעפּעש ערגעץ נישטאָ נאָך. א פּירוגג... אָט וואָס עס הייסט—אן אנשטאלט אָן א באַלעבאָס.

טאַנצפּוס. איז דאָך כּאוּוער סימכאָוויטש דער באַלעבאָס.

מאזורקא (קוקט זיך איבער מיט וועסיאָלערן). אזוינע באלעבאטים...
כאַליעראַ!

וועסיאָלער. כע-כע... איגנאַץ קאַזימיראָוויטש וואָלט שוין... ע...
כ'מיין... ווער ווייס וואָס די ריינקונג קאָן ברענגען.

דער טעלעפאָן קלינגט. טאַנצפּוס נעמט דאָס טרייבל.

טאַנצפּוס. אלאָ! יאָ, יאָ, שפּרעקסטרעסט. דער קוריער אונדזערער איז א
נאַרישער יונג. אַהאַ, דעם כאווער סימכאוויטש פרעגט איר גאָר!
און מיר האָט זיך געדוכט... אַהאַ. ניין, נאָך ניט געקומען. (מאַ-
זורקען) מע פרעגט דעם פּאָרזיצער.

גיט אים דאָס טרייבל, אָפּ רעכטס, קוים איינהאַלטנדיק
זיך פון לאַכן.

מאזורקאָ (באם טעלעפאָן). אַלאָ! שפּרעקסטרעסט. ס'רעדט דער סעקרע
טאַר. דעם כאווער סימכאָוויטש? ניין, נישטאָ נאָך. וואָס? ס'טרעפט
זיך, אַפּאָנים אין אַן אנדער אָרט שטאַרק פארנומען. מיר קאָנע
נאָרנישט ניט מאַכן. האַ? פּאַסירט? וואָס קאָן פּאַסירן? אונדז אין
גאָרנישט ניט באַוווּסט. אַנטשולדיקט, נישטאָ קיין צייט.

הענגט ענערגיש אוף דאָס טרייבל; פאַקט פאַנאַנדער
זיינע פאַפּירן און פּאַרטיפט זיך אין זיי.
דער פּאָרהאַנג פאַלט און הייבט זיך טייקעף אוף צוריק.
מאַזורקאָ און וועסיאָלער זיצן בא דער ארבעט. פון
צימער רעכטס הערט זיך דאָס קלאַפּן פון דער
שרייבמאַשינקע און פון שטשאָטעס. מיטארבעטער
מיט פאַפּירלעך אין די הענט גייען פון צימער רעכטס
אין צימער לינקס און צוריק, גייען צום סעקרעטאר
א. א. וו. עס קלינגט דער טעלעפאָן.

מאזורקא (אין טעלעפאָן), אַלאָ! שפּרעקסטרעסט. ס'רעדט דער סעקרע-
טאר. דעם כאווער סימכאָוויטש? ניין, נישטאָ נאָך. וואָס? ס'טרעפט
זיך, אפּאָנים אין אַן אנדער אָרט שטארק פארנומען. מיר קאָנען
גאָרנישט ניט מאַכן. האַ? פּאַסירט? וואָס קאָן פּאַסירן? אונדז איז
גאָרנישט ניט באַוווּסט. אַנטשולדיקט, נישטאָ קיין צייט. (הענגט
ענערגיש אוף דאס טרייבל). כאָליעראַ!

פּאַרטיפט זיך אין דער ארבעט. סיוווּשין און טייגל-
מאַן קומען זיך צענויף אין פאָדערגרונט.

טייגלמאַן. האַ? וואָס זאָגט איר, כאווער סיוווּשין?

סיוווּשין. וואָס קאָן איך זאָגן? מיין איניען איז א קלייניקער.

טייגלמאַן. נו, יאָ, גערעכט זייט איר, כאַווער סיוווּשין. ניט גערעדט איז אויך געשוויגן, כע-כע-כע... איי, פירן זיי!

סיוווּשין. אט דאָס זאָג איך דאָך.

טייגלמאַן. און איך דארף אים אזוי נייטיק האָבן—עס ברענט מאַמעש אונטער מיר די ערד, איר הערט, כאַווער סיוווּשין?—די ערד ברענט אונטער מיר.

סיוווּשין. עכעכע... אונדזערע ביוראָקראַטן! שלאָפן ביז האַלבן טאָג, און טאָמער וואָס, זיינען די אָנגעשטעלטע שולדיק.

טייגלמאַן. אָט דאָס טיינע איך דאָך, כאַווער סיוווּשין, דאָס טיינע איך דאָך.

סיוווּשין. ווייס איך, וואָס איר טיינעט... און ניט אזוי די ביוראָקראַטן, ווי אייערע יידעלעך: „אוי! שטאָ כאָש? דאָס האַרץ א שוואַכע“! עט!

טייגלמאַן. וואָס „עט“, וואָס „עט“, כאַווער סיוווּשין, וואָס „עט“? וואָס איז דאָ שאַיעך דאָ הארץ, וואָס? דעריקער—א קאָפּ דאַרף מען האָבן, א קאָפּ, כאַווער סיוווּשין און פיס אף לויפן: א לאָף אהער, א שפּרונג אהין. אָט איז מען דאָ, אָט איז מען דאָרטן—און מע מאַכט געשעפטן! איך דארף אייך דאָך ניט דערציילן, ווי מע פירט א געשעפט, מיט אייך האָבן מיר דאָך פאַסט צו זאָגן...

סיוווּשין. אָ, וועגן אייך רעדט מען דאָך ניט. מיט אייך האָב איך דאָך אמאָל ניט איין געשעפטל געמאַכט, כאָ-כאָ-כאָ...

טייגלמאַן. און בעסערע איידער היינטיקע, ניט עמעס, כאַווער סיוווּשין? בעסערע כע-כע-כע...

סיוווּשין. אָכאָכאָכאָ, געווען צייטן... עט, אָבע- זיי—פרעגט זיי בע-כיירעם, ווי מע מאַכט געשעפט.

טייגלמאַן. עכעכע... איר הערט, כאַווער סיוווּשין, איך זאָג: אונדזערער א יאַט האָט דאָ געדאַרפט זיין פאָרזיצער, וואָלט... וואָלט...

סיוווּשין. אונדזערער א יאַט? אַוואַדע! וואָס פאַר אַ פראַגע! איך וואָלט דוכט זיך, וועלטן איבערגעקערט. א געלעכטער צו זאָגן—אַזאַ געשעפט! א גאָלדענער פינגערל. מען דאַרף נאָר זיין טאַקע, ווי אונדזערע יאַטן—פלינק אין אייסעק. ניט פוילן זיך, ניט פארשלאָפן: זיין דאָ, זיין דאָרטן—אומעטום. ניט ריכטיק זאג איך, האַ? בא מיר וואָלט...

טייגלמאַן. בא מיר וואָלט אזא טרעסט געלעבט. געלעבט וואָלט ער, זאָל מיר שוין אזוי גאָט געבן געזונט, כאַווער סיוווּשין—געלעבט. און מענטשן וואָלטן געלעבט.

סיוווּשין. וועגן דעם רעדט זיך דאָך דאָס. א גאָלדענער פינגערל. באַ מיר וואָלט אזא טרעסט...

טייגלמאַן. איך האָב שוין געשמועסט וועגן דעם מיטן כאַווער מארקי־סעוויטש, האָב איך שוין געשמועסט וועגן דעם. בא מיר וואָלט אזא טרעסט...

סיוווּשין. בא מיר וואָלט אזא טרעסט... (אייניקע מיטארבעטער שטעלן זיך אָפּ אין פארבייגיין). איך קלער, כאַווער סיוווּשין, צי האָט ניט עפּעס פּאסירט מיטן, מיטן כאַווער סימכאָוויטש?

מיטארבעטער:

— פּאסירט? האַ? פּאסירט?
— מיטן כאַווער סימכאָוויטש? פּאסירט?
— האַ? וואָס, וואָס, וואָס? וואָס זאָגס איר?
— וואָס זאָגט ער?—פּאסירט?
— מיטן כאַווער סימכאָוויטש? האַ?
— מע האָט געדארפט אריבערשיקן געוואָר ווערן.
— ווו איז דער קוריער? דער קוריער איז דאָך אויך ניטא.
— דער קוריער אויך ניטאָ. א געשיכטע אביסל!

מאזורקא. טייגלמאַן! סיוווּשין! און איר אלע דאָרטן! וואָס פאר א האָלדערן דאָרטן ווי אפן אלטן מארק! איך האָב אייך צוואנציק מאָל געזאָגט, איר זאָלט מיר דאָ קיין אלטן מאַרק ניט מאכן, דאָס שטערט די ארבעט. די ארבעט טאָר ניט ליידן, איין מינוט אויך ניט—וואָס ס׳זאל ניט פּאַסירן. ווי דער כאַווער לעניך האָט געזאָגט... (אלע צוגייען זיך). ווען איך בין דאָ דער באלעבאָס, וואָלט שוין... באַ מיר וואָלט שוין... כאָליערא!

וועסיאלער. אָהאָ, באַ מיר וואָלט שוין...

מאַזורקאָ גיט אף אים א בייזן קוק פונדערזייט. וועסיאָלער ווערט אנטשוויגן, הייבט זיך אוף, גייט ניט געאיילט ארויס.

מאזורקא (פארויכערט, קוקט אים נאָך). זשזשיד! ער אויך... (קריכט אים איבער) „אוי ווײ מאַמעלע! בא מיר וואָלט״... כאָליעראַ! (קוקט זיך אום, האַקט אָפּ).

סיוווּשין. (קומט פון רעכטס, גייט צו מאזורקען, קוקט זיך אום). נו, וואָס, איגנאץ קאזימיראָוויטש, עס וועט זיין נייס?

מאזורקא. נייס? וואָסערע נייס?

סיוושין. אט פונקט ער ווייס גאָרנישט, כע-כע.

מאזורקא. פונוואנען? איך זיץ דאָ א גאנצן טאָג... כאָליעראַ...

סיוושין. עך, איגאנץ קאזימיראָוויטש, פאַן מאַזורקאָ—ניט גוט אזוי. איך בין דאָך ניט „איז נאַסיך"—מיר קאָנען דאָך ריידן, ווי אייגענע מענטשן.

מאזורקא. נו, זאָגט, וואָס איר ווייסט.

סיוושין. איך זאָג אט וואס: אונדזערע זשידקעס טומלען זיך דאָס אביסל.

מאזורקא. וועגן וואָס?

סיוושין. אט וועגן דעם... אויב ס'האט עפעס פאסירט מיט... מיט...

מאזורקא. איז וואָס ווילן זיי?

סיוושין. אָך, מ'קאָן שטארבן פון געלעכטער. כאַ-כאַ-כאַ... יעדערן ווילט זיך שוין פארנעמען דעם אָרט פון א פּאָרזיצער.

מאזורקא. אזוי? ווילט זיך זיי? כאָליעראַ! געגוג די זשידאָווסקע מע-לוכע! גענוג!

סיוושין. דאָס איז דאָך דאָס, איגנאַץ קאַזימיראָוויטש, דאָס איז דאָך דאָס. אונדזערן א מענטשן דארף מען דאָ האָבן פאר א פּאָרזיצער. אונדזערן א מענטשן. אזוי, פאַן מאַזורקאָ, און ווער איז נאָך אזוי פעיק צו פירן אזא געשעפט, ווי איגנאץ קאַזימיראָוויטש. ניט עמעס זאָג איך?

מאזורקא. אָ, בא מיר וואָלט שוין ניט געווען אזוי פול און פיל זשידקעס אָנגעפיקעוועט. איך וואָלט זיי איינציקווייס אלעמען ארויסגעוואָרפן. כאָליערא! און פאַר אַ געהילף וואָלט בא מיר געווען סיוושין. (קלאפּט אים איבערן פּלייצע). סיוושין וואָלט געווען בא מיר פאר א געהילף. א סאָף וואָלט דאָ געווען צו דער זשידאָווסקער מעלוכע. דערווייל אבער דארף מען אַרבעטן. די ארבעט טאָר ניט ליידן, א־ין מינוט ניט, ווי דער כאווער לענין האָט געזאָגט. (לאַכט, גייט אף לינקס מיט א פּעקל פּאַפּירן).

סיוושין. כאַכאַכאַ! „ווי דער כאַוועך לענין האט געזאָגט"! אי, מאַלאַ-דעץ, פאַן מאַזורקא. (און ווען מאזורקא פארשווינדט אין טיר לינקס). ער מיינט טאקע, די פּוילישע פּליאקע! א פּארך אראָפּ, א פּליאקע ארוף, א מאַקע פארן ווען (קרימט אים איבער)—„צאָ פּאַנו? פּשעפּראשאם פּאנא!" און איך וועל זיין בא אים א געהילף..

און דאס ווילסטו? (ווייזט א פייג אין זיין זייט). אן עמעסן רוסישן מענטשן (קלאפּט זיך אין האַרצן) דארף מען דאָ האָבן פאר א פאָרזיצער. אן עמעסן רוסישן מענטשן. אָט אזוי, ניט עמעס זאָג איך? און די זשידעס און די פּאָליאַקן—אלע ארויס. אָט אזוי. ארויס. און ער וועט זיין באַ מיר א געהילף... אויב איך וועל וועלן. און אניט איז—

וועסיאָלער קומט פון רעכטס, זעצט זיך ארבעטן. סיוווּשין אָפּ. א ווײַלע שטיל. פון צימער רעכטס הערט זיך לעקעכס זייער פרייַנטלעכער קאָל: „סאַרע מאַרקאָווּנע, אי... איך... אף ערנוואָרט”... סאָרעס קאָל, לאַכנדיק: „לאָזט בעסער הערן, איסאַק סאַמאָילאָוויטש, ווי ס'וועט באלד ווידער קלינגען דער טעלעפאָן און מ'וועט פרעגן אף סימכאָוויטשן”. מאזורקא קומט מיט א פּאַק פּאַפּירן פון לינקס, דער טעלעפאָן קלינגט.

מאַזורקאָ. כאָליערא. (לייגט אוועק ניט געאײַלט די פּאַפּירן, נעמט דאס טרייבל). אַלאָ! שפּרעקסטרעסט. עס רעדט דער סעקרעטאַר. דעם כאווער סימכאָוויטש? ניין, נישטאָ נאָך. גאָרניט געווען הײַנט. וואָס? עס טרעפט זיך. אַפּאָנים אין אן אנדער אָרט שטאַרק פאַרנומען. הא? אונדז איז גאָרנישט ניט באַוווּסט. וואס קאָן פּאַסירן? אנטשולדיקט, נישטאָ קיין צייט. (הענגט ענערגיש אוף דאס טרייבל). כאָליערא. א גאנצן טאָג, אלע ווײַלע—„סימכאָוויטש, סימכאָוויטש”... מ'קומט גאָרנישט ניט צו טאָן. עס לײַדט פון דעם די ארבעט.

וועסיאָלער. קכם, קכם, איגנאַץ קאַזימיראָוויטש, ע... געדארפט עפּשער נאָכאמאָל אָנקלינגען צו אים אהיים?

מאַזורקאָ. איידעס... שוין עטלעכע מאָל געקלונגען—אָן איידעס.

וועסיאָלער. או—און מען ענטפערט ניט?

מאַזורקאָ ענטפערט ניט. פּאַוזע.

וועסיאָלער. קכם, קכם... איך זאג—עפּשער דעם קוריער אריבערשיקן, זינגערן?

מאַזורקאָ (שאַרף). און איר האט עפּעס א נייטיקן איניען צו סימכאָוויטשן?

וועסיאָלער. אי—איך מיין אנקעגן דעם, איגנאַץ קאַזימיראָוויטש, וואס מע שטערט אייך. אגעוו דארף איך טאַקע אויך... (ווייזט אים א פּעקל פּאַפּירן).

מאַזורקאָ. קאָנט איר זיך דאָך ווענדן צו לוסטערן.

וועסיאָלער. איגנאַץ קאַזימיראָוויטש, גיט שוין בעסער איר א קוק. וואס פארשטייט ער, כעכע...

מאַזורקאָ (קוקט אין די פאַפּירן). איך קאָן דאָך אָבער דאָ גאָרניש. דאָס וועט שטערן די ארבעט. און די ארבעט טאָר ניט ליידן, איין מינוט ניט, ווי דער כאַווער לענין האָט געזאָגט. (גיט אים אָפּ די פאַפּירן).

וועסיאָלער. דארף מען ווארטן אפן גרויסן כאָכעם אליין, כעכע...

מאַזורקאָ (לאַכט). דער גרויסער כאָכעם...

וועסיאָלער (קוקט זיך אום). פארשטייען ביידע, וויפל אייער לינקע פוס. איך זאָג—ווען ניט איר, איגנאַץ קאַזימיראָוויטש...

דער טעלעפאָן קלינגט. מאַזורקאָ הייסט מיט א זשעסט וועסיאָלערן נעמען דאָס טרייבל.

וועסיאלער (פלינק צום טעלעפאָן). אַלאָ! שפּרעקסטרעסט, עס רעדט דער געשעפטפירער. דעם כאַוועס סימכאָוויטש? ניין, נישטאָ נאָך. יאָ, יאָ. וואָס? עס טרעפט זיך. אַפּאָנים אין אן אַנדער אָרט שטאַרק פאַרנומען. האַ? אונדז איז גאָרנישט ניט באוווסט. אַנטש... וואָס? וואס זאָגט איר? געשאָסן? האַ? רעדט העכער, איך, איך הער ניט גוט. געשאָסן—זאָגט איר? האַ? אן אָנפאַל געווען? ניין? זיך אליין? איך פארשטיי נאָרנישט ניט. איך גיב איבער דאס טרייבל דעם סעקרעטאַר. (גיט איבער דאס טרייבל מאזורקאָן). איך לויף אָנזאָגן דעם כאַוועס לוסטער. (אָפּ לינקס).

מאַזורקאָ (אין טעלעפאָן). ווער רעדט? אהא. יאָ, יאָ, עס רעדט דער סעקרעטאַר. נו? וואס, וואס? רעדט העכער. געשאָסן, זאָגט איר? אף טויט? איין אויגנבליק. (שרייט); זינגער! זינגער! כאָליערא, שווארץ יאָר—איז ער פונקט היינט פארפאלן געווארן אף א גאנצן טאָג. זשידאָווסקע מעלוכע.

טאנצפוס (קומט פון רעכטס, לאכנדיק). וואס, איגנאַץ קאַזימיראָוויטש, ווידער דעם כאַוועס סימכאָוויטשן?

מאזורקאָ. סאראָטשקע, סאראָטשקע, קומט אהער: מיר זיינען, דוכט זיך, געבליבן אָן א פאָרזיצער. אָבער ניט אף לאנג, כעכע... די ארבעט וועט ניט ליידן איין מינוט ניט, ווי דער כאַווער לענין האט געזאָגט. (אין טרייבל): איין מינוטעלע. (איר): עך, סאראָטשקע, יידישקעלע שיינינקע! (כאפּט זי ארום).

טאַנצפֿוס (גיט אים אַ שטאַרקן שטויס פֿון זיך). איר זייט אַ אידיאָט, ווי דער כּאָוועער לעניך האָט געזאָגט.

מאַזורקאַ (אין טרייבל) איין אויגנבליק (איר) אידיאָט—זאָגט איר, סאַראָטשקע, כּעכע. איר וועט באַלד אַנדערש ריידן מיט מיר. (דרייט זיך מיט גרויסקייט די וואָנצעס). און דערווייַלע נאָט אייך דאָס טרייבל און הערט, וואָס עס טוט זיך מיט אונדזער גרויסן כּאָכעם. (אָפּ שרייענדיק) זינגער! זינגער! זינגער!

טאַנצפֿוס (אין טעלעפֿאָן). זינגער! זינגער! זינגער! כּאַ כּאַ כּאַ כּאַ! ער האָט דאָך אויך געטרונקען טיי בּאַם כּאָוועער מאַרקוסעוויטש! פֿאַר-שטייסט ניט?—דאַרף מען ניט. וואָס? איכל דיר באַלד געבן—שוואַרצע, יאָס מיעסער! נאַ, דאָס זעסטו? (ווייזט אין טרייבל אַ צונג). אַ ליגן—גאָר ניט קיין צונג. האָ?

לוסטער, הינטער אים—וועסיאָלער קומען פֿון לינקס.

לוסטער (פֿאַר זיך). אַ קאַפּאַרע פֿאַר אַ כּאַזער. מ׳עט זיך גאָר אָן אים ניט באַגיין! אָן אָרט בלויז פֿאַרנומען. (הויך) אַפּאָנים, אַ טראַגע-דיע געוועז אַ מוירעדיקע, און מיר, זייַנע נאָענטע כּאַווײרים און מיטאַרבעטער, האָבן גאַרנישט ניט געוווּסט.

טאַנצפֿוס (אין טרייבל). איך גיב איבער דאָס טרייבל דעם געהילף-פֿאָרזיצער אונדזערן, דעם כּאָוועער לוסטער.

לוסטער (אין טעלעפֿאָן). אַלאָ! ווער רעדט? אהא. נו? נו? נו? איר ווייסט דאָס אַף געוויס? אהא. יאָ, יאָ. איינצלהייטן אייך ניט באַ-וווּסט? האָ? באַ אונדז זיך דערוויסן? סיידן שפּעטער. מיר וועלן טייקעף שיקן אהין אַ מענטשן. וואָס? רעכט. אַדיע. (הענגט אויף דאָס טרייבל). זינגער! זינגער! ווו איז ער דאָס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַ גאַנצן טאָג? אַ קוריער זאָל ניט היטן דעם אַנשטאַלט! צום טייוול! דאָס האָט סימכאָוויטש געקאָנט האָבן אַ שוואַכקייט צו אַזוינע אָנ-געשטעלטע,—באַ מיר וועט דאָס ניט זיין. וועסיאָלער! געפֿינט מיר טייקעף דעם קוריער. אָן אַ טערעץ, פֿון אונטער דער ערד זאָלט איר מיר אים ברענגען. (וועסיאָלער האָסטיק אָפּ). נו, סאַרע מאַר-קאָווני, וואָס זאָגט איר צו דער געשיכטע? סאַראָטשקע, כּעכע, איך האָף, אַז איר וועט יעצט זיין אַביסל פֿריינטלעכער.

טאַנצפֿוס. איר רעכנט?

לוסטער. נו, אַ מאַשינײסטקע, אפֿילע די שענסטע, קריגט זיך דאָך ניט מיטן פֿאָרזיצער פֿון טרעסט.

טאַנצפֿוס. פֿאָרזיצער פֿון טרעסט? איר האָט געטרונקען טיי בּאַם כּאַ-וועער מאַרקוסעוויטש?

לוסטער. פונוואנען ווייסט איר? (פארכאפט זיך). איך קאָן טרינקען טיי בא אייך אויך, אדער—איר בא מיר, איאָ, סארע מארקאָוונע, סאראָטשקע, כעכע, סאראָטשקע... (כאפט זי ארום, וויל זי א קוש טאָן, זי רייסט זיך ארויס, גיט אים א הילכיקן פאַטש און אַנט־לויפט רעכטס).

וועסיאלער (קומט פון הינטערגרונט). ערגעץ ניט צו געפינען, באָריס וולאַדימיראָוויטש. איך האב אומעטום אויסגעזוכט.

לוסטער (איז אומגעגאַנגען אופגערעגט. שטעלט זיך אָפּ). וואס זאָגט איר? ערגעץ ניט צו געפינען? און דאס איז גאָר? און איך וואס זאָל טאָן?—אוועקזעצן זיך און זיצן? אז עס טרעפט מיט א נאָענטן מענטשן אזא טראגעדיע...

וועסיאָלער. באָריס וולאַדימיראָוויטש, ע... וואס איז די רעכטע באַק בא אייך אזוי רויט?

לוסטער. די רעכטע באַק? (טאַפּט זיך די באַק). אז זי איז דאָך גאָר א געלינקטע, צו אלדע שווארצע יאָר... (פארכאפט זיך). ניט אייער זאַך... דאס איז, אפּאָנים, א נערוועזע דערשיינונג. (גייט אום)... מיט א נאָענטן כאווער אזא טראגעדיע... און דאָ איז ניטאָ וועמען צו שיקן. ניין, בא מיר וועט דאס ניט זיין! איך וועל אזוינע אָנ־געשטעלטע ניט האַלטן. (וועסיאָלערן שארף): אָן א טערעץ—אדער איר געפינט זינגערן, אדער איר גייט אליין אריבער צו סימכאָ־וויטשן און גיט א קוק, וואס דאָרטן טוט זיך. טייקעף. די מינוט. (אָפּ לינקס).

לעקעך (קומט פון רעכטס, פירט אריין טאנצפוסן, וועלכע גייט ניט ווילנדיק). הא, סארע מארקאָוונע, איז דאס טאקע עמעס, הייסט עס—געשאָכן זיך... אָ, אָט איצטער, קאָן זיין, וועט טאקע זיין נייס, ערנוואָרט, אבער וויכטיקע נייס—גאָר וויכטיקע נייס, עס וועט זיך בייטן די גאנצע ארבעט, ס'וועט אוועק ווי א מיזמער. ערנ־וואָרט. איר פארשטייט?—אף צו פירן אזא טרעסט, ווי ס'באדארף צו זיין, דארף מען זיין גוט געניט אין אלץ, דעריקער—אין בוכ־האַלטעריע, און טאקע אין די עמעסע בוכהאַלטעריע, מיט אַ'ע פיטשעווקעס. איר פארשטייט, סארע מארקאָוונע?—און טאקע מיט אלע פיטשעווקעס, כעכעכע... און זיי פארשטייען דאָך קיינער אין דעם גארנישט ניט. אף ערנוואָרט. סארע מארקאָוונע—קיינער גאָר־נישט ניט, אכוץ מיר, איר זאָלט אפילו זאָגן—א האָר. איר'ט נאָך זען, סארע מארקאָוונע, סאראָטשקע, כעכעכע, וואס לעקעך איז.

טאנצפוס. און טיי האט איר געטרונקען, כאווער לעקעך?

לעקעך. טיי גאָר? כעכעכע, וואס איר קאָן איינפאלן. אי, סאראָטשקע, כעכעכע, וואס עפּעס טיי? וועמען ליגט יעצט אינזינען טיי, ווען עס האנדלט זיך...

טאנצפּוס. איך מיין—בּא מארקוסעוויטשן טיי האט איר געטרונקען?

לעקעך. בּאם כּאווער מארקוסעוויטשן גאָר? טיי? וואס עפּעס דאפקע טיי? און אז איך האבּ אזוי פארבּראכט מיט אים אנוסטן עפּשער א האלבּע שאָ צייט, איז שלעכט? ערנוואָרט—א גאנצע האלבּע שאָ צייט. וועגן אלץ פאנאנדערגעפּרעגט זיך—ער קאָן זיך אף מיר פארלאזן, נישקאָשע. געשמועסט... טיי—זאָגט איר? עס וועט נאָך דאס אויך זיין.

טאנצפּוס. אזוי? געשמועסט? און וואס האט ער אייך געזאָגט?

לעקעך. אזוינע מענטשן זאָגן דאָך גאָרנישט ניט. זיי גיבּן א קוק, און ווער עס האט סייכעל—פארשטייט.

טאנצפּוס. נו, און איר?

לעקעך. כעכעכע... וואס אַרט אייך, סארע מארקאָוונע, איר זאָגט—טיי? אף ערנוואָרט, עס וועט נאך דאס אויך זיין.

טאנצפּוס. לעמאנעשעם, לעמאנעשעם, כּאווער לעקעך—טיי, איר הערט?—טיי בּא מארקוסעוויטשן. (גייט אַוועק).

לעקעך (לויפט איר נאך, כאפּט איר האנט). כּאווערטע טאנצפּוס, עס וועט זיין טיי, עס וועט זיין אלץ, וואס נאר איר וועט וועלן, זאָל נאר דאס זיין עמעס, וואס מע זאָגט. אף ערנוואָרט—אלץ וועט זיין, סארע מארקאָוונע, סאראָטשקע, אלץ, אף ערנוואָרט. אבּער יעמלט וועט שוין אלץ זיין גוט? אלץ? סאראָטשקע, סארע מאר-קאָוונע...

אין טיר קומט אים האסטיק אקעגן וועסיאָלער, שלאָגט זיך אָן אָן אים.

לעקעך. א! אַי, אַי, אוי, מיינע בּרילן! (רייבּט דעם שטערן, טאפּט אף דר'ערד די בּרילן).

וועסיאלער (אויך אזוי). אי, אי, אי! אוי, די בּרילן! איך זע דאָך גאָרנישט ניט אָן די בּרילן. וואס פאר אן אומגליק דאס איז... א טאָג אבּיסל היינט.

לעקעך. אָטאָטאָט, געפונען, ערנוואָרט!

וועסיאלער. דאס זייט איר, איסאק סאמאָילאָוויטש? (טאַפּט אין זיין זייט). איר האט געפונען? גיט אהער גיכער.

לעקעך. ע, ס׳איז גארניט די ברילן. איך, איך, אַלעקסאַנדער מאַקסי־מיטש. וואס קאָן דאס זיין? זעט נאָר, אַלעקסאַנדער מאַקסימיטש, ערנוואָרט, איך האב געמיינט, עס איז די ברילן.

וועסיאלער (טאַפּט אָן). דאָס? דאָס? הא? הא? דאָס? דאס איז אַפּאָנים עפּעס א שפּענדל. ווייס זיי דער שווארץ יאָר מיט זייערע פּירונגען: אלץ וואלגערט זיך בא זיי אף דער ערד. (ווארפט אוועק מיט קאַעס, זוכט ווייטער אף דער ערד).

לעקעך. „סאָציאַליזם״—הא, אלעקסאנדער מאַקסימיטש? „סאָציאַליזם״, מע בויט. אָן א בויך קאָן מען בלייבן, ערנוואָרט. (לאכט גאליק)

וועסיאלער (אויך טאַפּנדיק אף ד׳רערד). אָכאָכאָ... און דער כאַמער אונדזערער, דער גויעשער קאָפּ אויך: פּאָרזיצער ווילט זיך אים זיין. ווי געפעלט אייך?

לעקעך. אָט דער כאַזערשער ביין, דער מאזורקאָ? כאכאכא, אַ נאָמען מאזורקאָ!

וועסיאלער. ווי אלע זייערע נעמען, כאוועך לעקעך! „סאָוונאַרכאָז״, „שפּרעקסטרעסט״—די עמעסע נעמען פון דער האַפּטוירע.

לעקעך. כאכא. און דער פּויער, זאָגט איר, דער כאַם וויל ווערן פּאָר־זיצער—פון דעם געשעפט?

וועסיאלער. יאָ, וואָס זאָגט איר צו זיין כאַמערשן קאָפּ?

לעקעך. פירן דעם געשעפט? אזא געשעפט? ער, דער כאַמערשער מויעך, דער גויעשער קאָפּ? ער איז דאָך...

וועסיאלער. ער איז דאך בלינד, ווי איך זאָג אייך, איסאַק סאַמאָילאָ־וויטש—אינגאנצן בלינד אין געשעפט. ער זעט דאָך ניט, וואס בא זיך אונטערן נאָז, זעט ער דאָך ניט.

לעקעך. אפילע פאר א סעקרעטאר טויג ער דאָך ניט, וועט ער... אָטאָטאָטאָט, געפונען, אַלעקסאַנדער מאַקסימיטש, אף ערנוואָרט, געפונען, אָט זיינען די ברילן.

וועסיאלער. נו, גיט זיי אהער גיכער, איסאַק סאַמאָילאָוויטש, איך זע דאָך גאָרנישט ניט.

לעקעך. דא זיינען טאַקע צוויי פּאָר. אַפּאָנים, איין פּאָר אייערע.

וועסיאלער. נו, אַוואַדע. איך ליג שוין דאָך אוואדע א האַלבע שאָ אף דר׳ערד און זוך זיי. (טאַפּט אָן, נעמט די ברילן). אז ער איז דאָך אינגאַנצן א בלינדער (טוט אָן די ברילן) אין געשעפט. א גויעשער קאָפּ, וואס איז צו ריידן.

לעקעך (אויך אָנטועענדיק די ברילן). אָבער אַבסאָליוט בלינד, ערנוואָרט...

וועסיאלער. וואס פאר א שווארץ יאָר! וואס איז דאס געווארן מיט מיינע ברילן? איך... איך...

לעקעך. מיינע דאָך אויך אזוי... א, איך פארשטיי שוין: מיסטאָמע האבן מיר זיך פארביטן די ברילן. (בייטן זיך אָפּ).

לעקעך און וועסיאלער (צוגלייך). אָ! אָ!

וועסיאלער. איצטער זע איך דאָך עפּעס.

לעקעך. איצטער זעט מען דאָך עפּעס.

וועסיאלער. אבער איך האב באלד פארשטאנען, אז...

לעקעך. מיין קאָפּ! איך האב אָבער באלד פארשטאנען, אז מ'ר האָבן זיך פארביטן.

וועסיאלער. ווער האט דאס ניט פארשטאנען? איך האב דאָך באלד געזאָגט, אז...

לעקעך. ווי נאר איך האב אָנגעטאָן די ברילן, האב איך באלד געזאָגט, אז...

מאזורקא קומט פון הינטערגרונט. לעקעך האסטיק אָפּ רעכטס.

וועסיאלער. נישטאָ צוליב וואס צו גיין אַהין, איגנאַץ קאַזימיראָוויטש, ווי האלט איר? אַז אומעטום רעדט מען איין זאַך—געשאָסן,—איז וואס איז צו לויפן אַהין? וואס בין איך—א קוריער בין איך, וואס? איך בין ניט קיין קוריער. ווי איז אייער מיינונג, איגנאַץ קאַזימיראָוויטש?

מאזורקא. אייער זאַך: ווילט איר—גייט, ווילט איר—ניט. איך בין דערווייליע נאך ניט... ע ע... א טאָג א ביסל, א צוטומלעניש! אָבער יעצט וועט שוין די ארבעט אַוועק, ווי ס'דארף צו זיין. (ווי צו זיך אליין). וועמען וועט מען קאָנען נעמען פאר א סעקרעטאַר?

וועסיאלער. פאר א סעקרעטאַר? אָדער פאר א געשעפטפירער, כאַווער מאזורקאָ... דער כאווער מארקוסעוויטש וועט מיסטאָמע באלד קומען אהער, וועט ער זאָגן, ווי ס'זאָל זיין דערווייליע, און דערנאָך...

סיוושין און טייגלמאַן קומען ריידנדיק, די איבעריקע אָנגעשטעלטע קומען זיך ביסלעכווייס צונויף.

סיוושין. וואס איז דאָ צו ריידן—א מענטש איז דאס געווען...

טייגלמאן. שוין איינמאָל א מענטש.

סיוושין. אָ, און זיין קאָפּ...

טייגלמאן. פּששש. און זיין באַנעם.

סיוושין. זיין סייכעל...

טייגלמאן. אזא פּאָרזיצער וועט שוין זיין שווער צו געפינען.

— אזא? כאָטש א דריטכיילעק פון אים!
— אזא מענטש!
— אזא פירער!
— און וואס פאר א כאוועך—פּששש.
— און זעט איר דאָך...

וועסיאלער. איך זאָג—א מוירעדיקע טראַגעדיע האט דאָ געמוזט פּאָר-קומען, און אונדז, זיינע כאוויירים און נאָענטע מיטארבעטער, איז גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן אים צו שטיצן מאָראַליש.

מאזורקא. נו, כאוויירים, קיין אַלטן מארק זאָלט איר מיר דאָ ניט מאַכן. די ארבעט טאָר ניט ליידן אפילע איין מינוט אויך ניט. אזוי ווי כאוועך לענין האט געזאָגט...
— נו, אבער, כאוועך מאזורקאָ...
— איגנאַץ קאַזימיראָוויטש...
— אין אזא טאָג...
— מ׳דארף דאך עפּעס זען...
— און וואס ווייטער וועט זיין?

לעקעך. אַוואַדע, אַוואַדע, וואָס וועט זיין ווייטער... אָן א פּאָרזיצער... (לוסטער קומט פון לינקס). איז דאך אָט דער געהילף, וואָס איז דאָ שייעך...

לוסטער. וואָס איז דאָ. וואָס איז דאָ?

וועסיאלער (הערט ניט). דער כאוועך מארקוסעוויטש וועט קומען, וועט ער שוין זאָגן...

לעקעך. אוואדע; אוואדע—דער כאוועך מארקוסעוויטש.
— געוויס, דער כאוועך מארקוסעוויטש...
— ער וועט שוין זאגן...
— דער כאוועך מארקוסעוויטש...

לוסטער. ס'וואָלט געווען זייער גוט, ווען דער כאַווער מאַרקוסעוויטש וואָלט קומען. איך פיל זיך עפּעס מאָדנע צושלאָגן פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן. איר קאָנט דאָס גאַר קיינער ניט פילן, ווי איך, אף וועמעס פּלייצעס עס לייגט זיך יעצט אַרוף די גאַנצע שווערקייט... אַ מוירעדיקער אומגליק, כאַווערים, האָט אונדז געטראָפן.

לעקעך. אַזאַ געוואַלדיקער אומגליק!

וועסיאַלער. אַזאַ טראַגעדיע!

טייגלמאַן. גאַנץ שטאָט איז דערשלאָגן.

סיוושין. אַזאַ מענטש!

טאַנצפּוס. פון אומעטום קומט מען פרעגן.

מאַזורקאַ. דאָס שטערט די אַרבעט, כאַליערע. די אַרבעט טאָר ניט ליידן איין מינוט גיט, ווי דער כאַווער לעניִן האָט געזאָגט. מ'דאַרף געבן אַ מעלדונג אין צייטונג.

שטימען:
— ריכטיק, ריכטיק!
— אַ מעלדונג אין צייטונג.

לוסטער. גאַנץ ריכטיק, כאַווער מאַזורקאַ. טאָ נעמט און שטעלט טאַקע צענויף די מעלדונג.

מאַזורקאַ (שרייבט). מיט טיפן טרויער...

לוסטער (פאַריכט). מיט טיפן אומויסשעפּלעכן טרויער... (קוקט אף סאַרען).

מאַזורקאַ (שרייבט). מיט טיפן אומויסשעפּלעכן טרויער מעלדן מיר וועגן דעם פּלוצלונגן טויט פונעם...

וועסיאַלער. פּלוצלונגן טראַגישן טויט... (שטיל סאַרען) האַ? בעסער אַזוי?

לעקעך. פּלוצלונגן העכסט טראַגישן טויט... (באַרירט סאַרעס האַנט).

מאַזורקאַ. מאַכט דאָ ניט קיין אַלטן מאַרק, כאַווערים, לייגט זיך ניט אָן אַזוי (קוקט אף לוסטערן, יענער שאָקלט צו מיטן קאָפּ. שרייבט) פּלוצלונגן העכסט טראַגישן טויט פונעם כאַווער לאַזאַר מאָיסעיעוויטש סימכאָוויטש...

לוסטער. פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן כאַווער... (קוקט אף סאַרען.)

וועסיאלער. אומפארגעסלעכן טייערן כאוועך... (שטיל סארען) האָ?

לעקעך. און פירער...

לוסטער. רעכט, רעכט, שרייבט אזוי.

מאזורקא. (שרייבט). ...פון אונדזער אומפארגעסלעכן, טייערן כאוועך און פירער לאזאר מאיסעיעוויטש סימכאוויטש, דעם פארזיצער פונעם שפייז-פראָדוקט-עקסטראקט-טרעסט...

טאנצפוס. ...אונזער טיף געליבטן פארזיצער און גרונט-בויער פונעם קאָלאָסאַלן שפייז-פראדוקט-עקסטראקט-טרעסט...

לוסטער. זייער גוט, שרייבט, כאוועך מאזורקא.

וועסיאלער. אויסגעצייכנט.

לעקעך. אנטיק!

מאזורקא. אלזאָ, ווי זאָגט איר, כאַוועךטע טאַנצפוס? (שרייבט) אונדזער טיף געליבטן פארזיצער און גרונט-בויער פונעם קאָלאָסאַלן שפייז-פראָדוקט-עקסטראקט-טרעסט...

לוסטער. וועלכער האָט מיט זיין ענערגיע...

טייגלמאן. ...אומפארגלייכלעכער ענערגיע...

סיוווּשין. ...און כאוועךישער אויסגעהאלטנקייט...

מאזורקא. ווארט, ווארט,. (שרייבט) וועלכער האט מיט זיין אומפארגלייכלעכער ענערגיע... אזוי?

לוסטער. אזוי, אזוי.

סיוווּשין. ...און כאוועךישער אויסגעהאלטנקייט...

מאזורקא. (שרייבט) און כאוועךישער אויסגעהאלטנקייט... נו? ווייטער?

לוסטער (רייבט זיך דעם שטערן). ווייטער? ווי איז דארטן די לעצטע?..

מאזורקא. ...וועלכער האט מיט זיין אומפארגלייכלעכער ענערגיע און כאוועךישער אויסגעהאלטנקייט...

לעקעך. אָט, אָט, אָט, אָט,... געוויזן א מוסטער פאר די יינגערע כאוועךים. (שטיל) גוט, סאראטשקע?

טאנצפוס. אויסגעצייכנט.

מאזורקא. שרייבן?

לוסטער. שרייבט.

מאזורקא (שרייבט). געוויזן א מוסטער פאר די יינגערע כאוויירים...

וועסיאלער. ...און געטראָגן הויך די פאָן פונעם לעניניזם... (ווינקט סארען שטיל) האַ?

טאנצפוס (שטיל). פיין.

לוסטער. שרייבט.

מאזורקא (שרייבט). ...און געטראגן הויך די פאן פונעם לעניניזם...

וואס לעניניזם? כאווער וועסיאלער, וואס האט איר געוואָלט זאגן?

וועסיאלער. פונעם לעניניזם... ע-ע-ע... אינטערנאציאנאל.

טאנצפוס. גלענצנדיק!

מאזורקא (שרייבט). ... אינטערנאציאנאל.

זינגער קומט אריין אומבאמערקט און ווינקט זיך איבער מיט סארען.

טאנצפוס. און יעצט האָט מען געדארפט איבערלייענען אינגאנצן.

מאַזורקאָ הייבט אָן לייענען. דערשרייבט עפעס. סימכאָ-וויטש קומט אריין פון הינטערגרונט און בלייבט שטיין אומבאמערקט.

מאזורקא (לייענט). מיט הייסע טרערן פון טיפן אומויסשעפלעכן טרויער, מעלדן מיר וועגן דעם פלוצלונגן העכסט טראגישן טויט פון אונדזער אומפארגעסלעכן טייערן כאווער און פירער לאזאר מאָיסעיעוויטש סימכאוויטש, אונדזער טיף געליבטן פארזיצער און גרונט-בויער פונעם קאָלאָסאלן שפייז-פראדוקט-עקסטראקט-טרעסט, וועלכער האט מיט זיין אומפארגלייכלעכער ענערגיע און כאווע-רישער אויסגעהאלטנקייט געוויזן א מוסטער פאר די יינגערע כאוויירים און געטראָגן הויך די פאָן פונעם לעניניזם אינטערנא-ציאנאל. די לעוואיע וועט פארקומען... ווען?

טאנצפוס. נו, דאס וועט שוין דער פארזיצער אליין זאגן.

לוסטער. איך?

וועסיאלער. וואס, פארזיצער! דער כאווער מארקוסעוויטש וועט...

מאזורקא. וועגן פארזיצער קען מען נאך ניט ריידן, ווייל דאס וועט ערשט קלאר ווערן...

לעקעך. פירן אזא טרעסט איז ניט קיין קלייניקייט, מע דארף גוט קענען בוכהאלטעריע.

סיוושין. ס׳געשעפט דארף מען קענען.

טייגלמאַן. און האָבן איניציאַטיוו.

אַנגעשטעלטער. דעריקער—פאַרשרייבן די אריינגייענדיקע און ארויס-גייענדיקע פּאַפּירן דארף מען דאך קאָנען.

טאַנצפּוס. ניט אייך, ניט אייך מיין איך דאס—דעם עמעסן פאַרזיצער...

מיטאַרבעטער:

— דעם עמעסן פאַרזיצער?
— דעם עמעסן...
— דעם...
— דעם...
— דעם עמעסן...

— דעם עמעסן פאַרזיצער?

טאַנצפּוס. נו, יאָ, אט איז ער.

סימכאָוויטש. כאַווײרים! (אַלע קוקן זיך אום דערשראָקן, בלייבן מיט אויטגעצויגענע פּענימער. פון מויל צו מויל גייט דורך: „דער כאַווער סימכאַוויטש, דער כאַווער סימכאַוויטש״).
טייערע כאַווײרים! איך האָב אויסגעהערט אייער וואַרעמע מעל-דונג וועגן מיין קלוימערשטן טויט, און איך בין זייער צופרידן, וואָס דער צופאַל האט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו דערקונ-דיקן אייער עמעס הארציקע באַציונג צו מיר. (דריקט אַלעמען די הענט) איך בין זייער גערירט פון דעם, זייער גערירט, זייער, זייער גערירט. צום גליק פאַר אונדז אַלעמען איז דאס אָבער געווען בלויז א פוסטער קלאַנג, וועגן וועלכן איך האָב שוין גע-הערט אין גאַס. פונוואַנען ער האט זיך גענומען, ווייס איך ניט. שולדיק אביסל איז דער כאַווער זינגער, וואָס ער האט ניט אי-בערגעגעבן, אז איך וועל היינט קומען שפּעט אין טרעסט, ווייל איך האָב נאָך געהאט היינט אַן אנדער אַרבעט. ער וועט דער-פאַר מוזן ליידן א קליינע שטראָף.
— א קליינע שטראָף!
— א קליינע שטראָף!
— סאַבאָטאַזש!
— ארויסטרייבן דארף מען אים.

טאַנצפּוס. מיר דאַרפן אים אַדעראַבע דאַנקען, ווייל צוליב אים האָבן מיר זיך דערוווּסט פון אייער אַלעמעס הארציקער באַציונג צו אונדזער עמעסן פאַרזיצער, דעם כאַוועד סימכאַוויטש.

סימכאוויטש. איר זעט, וואס פאר א גוטן פארטיידיקער ער האט? דאָס איז, ווייל ער איז ייִנגער פאר אונדז אלעמען. נו, כאווער זינגער, אייער שטראָף וועט איר אבער פארט ניט אויסמיידן. זאגט אונדז, פארוואס האט איר ניט איבערגעגעבן, וואס איך האב אייך געהייסן?

זינגער. איך האב געדארפט גיין אין ארדענונג ברענגען מיינע פאפירן, ווייל איך גיי זיך היינט אָפשרייבן מיט דער כאווערטע טאנצפוס.

אייניקע (צווישן זיך)

— מיט סארען?

— מיט סארע מארקאווונע?

— מיט סאראטשקען?

מאזורקא (שטיל צו סאָרען). מיט א קוריער גאר? ווייל ער איז א יידל? כאליערא.

וועסיאלער (אויך אזוי). סארע מארקאווונע, סאראָטשקע, וואָס?..

לעקעך (אויך אזוי). א קוריער... וואס פארא געשמאק...

לוסטער (שטיל) האמוין ציט צו האַמוין.

סימכאוויטש. כאַ כאַ כאַ כאַ!.. אייניקע פון אונדזערע מיטארבעטער וועלן ניט זיין אזוי צופרידן פון דעם. אבער די יוגנט נעמט. דערפאר קומט זינגערן שוין געוויס א גרויסע שטראָף, כאַכאַכאַכאַ!

זינגער. שטראָפט, כאווער סימכאוויטש, טוט מיט מיר, וואס איר ווילט— היינטיקן טאָג: מאָרגן וועל איך שוין זיין אין אוניווערסיטעט. און אין פינף יאר ארום וועל איך שוין זיין א רויטער אינזשעניער.

אייניקע (צווישן זיך):

— אוניווערסיטעט?

— אינזשעניער?

— א קוריער?..

סימכאוויטש. א רויטער אינזשעניער? אוניווערסיטעט? ווען האָט איר זיך געגרייט, געלערנט? ווען האט איר צייט געהאט?

זינגער. איך האב געהארעוועט, כאווער סימכאוויטש, דערפאר אבער האב איך דערגרייכט. יא, אוניווערסיטעט!

סימכאוויטש. כא כא כא! אט א יאט! טו מיט אים עפעס. נאר ניין, כאווער זינגער, איר מעגט זיך זיין, ווו איר ווילט—אייער שטראָף וועט איר באַקומען. פאר סאבאָטאזש שטראפן מיר. שטרענג שטראָפן מיר. אָבער וואָס דו האסט זיך געלערנט, געהארעוועט און

דערגרייכט אין אוניווערסיטעט—נא דיר דערפאר, ברודערל מיינער, מיינעביידע הענט! (דריקט אים די הענט) אסאך זאלן זיין בא אונדז אזעלכע...

טאנצפוס. ס'זיינען דא, כאווער סימכאוויטש, עס זיינען דא אסאך אזעלכע, און עס וועלן נאך צוקומען נאָך (פארשעמט זיך. אנט-לויפט. זינגער פירט זי צוריק).

סימכאוויטש. כאַ-כאַ-כאַ-כאַ... צוקומען נאָך? ווילן! און מיר וועלן פראווען די אקטיאברינעס. א טענצל!

מוזיקאנטן הויבן אן אנשטעלן די אינסטרומענטן.

טאנצפוס. א טענצל זאגט איר. כאַווער סימכאָוויטש? אך, מיטן גרעסטן פארגעניגן. אבער כאווער סימכאוויטש, מיט וועמען וועט איר זיך שטעלן צום טאַנץ, אז דא זיינען דורכויס בלויז פארזיצערס, אלע קליגערע, אלע זעענדיקערע, אלע פארשטענדיקערע און אלע פלינ-קערע אף די פיס פון אייך און קאָנען נאָך בעסער פון אייך פאר-שרייבן די אריינקומענדיקע און ארויסגייענדיקע פאפירן אויך...

סימכאוויטש. אזוי? כא כא כא כא!.. קליגערע, זעענדיקערע, פלינקערע... אוי ווי, וואס איר האט אנגערעכנט! און ערלעכע דאך אויך מיסטאמע? נו, שיינע כאווערטע, וועגן דעם לאמיר יעצט ניט דייגען—די רייניקונג-קאָמיסיע דארף דאָך אויכעט אר-בעט, און מיר וועלן זיך שוין איינגאנצן, אף איר פארלאזן. און דערווייל א פריילעכס לעקאָוועד די קומענדיקע אָקטיאברינעס!

פ א ר ה א נ ג.

ל. אָלענדער.

איינִיקע רעזשיסאָרישע באַמערקונגען, צו ד. מאַר־שאַקס איינאקטער „אומזיסטער טומל“—צו דער אופירונג אין דראַמקרייזן.

I.

סצענישע מיטלען אין די קלובן.

די דראַמקרייזן דאַרפן אויסניצן די מער צוטריטלעכע פאר זיי און מער אויסדריקלעכע סצענישע מיטלען. זיי דארפן זיך אָפזאגן פונעם הארבן „נאטוראליזם“ און פון דערנידעריקטן און שלעכטן זין פון וואָרט „רעאליזם“.

די קלוב־פינאנצן, דערלויבן נאך ניט מאכן א מאטעריעלע רעוואָ־ליוציע אף דער בינע (ד. ה. איינפירן א נייע טעכניק), דארף מען דער־ווייל פארבייטן די טעכניק מיט זעלבסטעטיקייט און דערפינדערישקייט

אין אלע הינזיכטן איז געזינטער, אז די דראמקרייזן זאלן גיין אפן וועג פון „אנטבלויזטער דערפינדערישער באדינגלעכקייט“.

דער טעאטראלער טערמין „באדינגלעכקייט“ איז ניט קיין געניוער און ניט קיין נייער, און יעדער טייטשט אים אויס, ווי ער וויל. די דראמ־קרייזן דארפן שטרעבן צו אזא „באדינגלעכקייט“, וועלכע זאל זיין אַב־סאָליוט פארשטענדלעך דער ארבעטער־אודיטאריע און צוזאמען מיט דעם מאקסימאל אויסדריקלעך.

די דערפינדערישקייט און זעלבסטעטיקייט דארף מיטהעלפן (די דראמקרייזן) אויסגעפינען „אָנווינקונג־מיטלען“—אין דער פארמירונג (אויסשטאטונג), אין די קאסטיומען, אין פארבייטן די מוזיקאל־וואקאלע עלעמענטן (אויב דער קלוב פארמאגט ניט קיין געהעריקן ארקעסטער) מיט פארשיידענע קלאנגען.

די ציל־איינשטעלונג פון דעם איינאקטער.

ד, מארשאקס איינאקטער „אומזיסטער טומל״, איז אנגעשריבן אין זייער א לייכטער ליטעראַרישער פארם. אלצדינג: די פאַבל, דער סיוז־שעט און די טעמע אינגאנצן גענומען, איז דא אונטערגעטראגן, אין דער פארם פון א וואָדעוויל.

דאס איז א לייכטער, נאר א שארפער פאמפלעט אף דעם טייל ראטן־אָנגעשטעלטע, וואס חאבן זיך מיט זייער צעפוילטקייט און שלעכטער יערושע, ארייגעריסן אין די סאוועטישע אנשטאלטן. קליינע מענטשעלעך, וועלכע יאגן זיך בלויז נאך קאַריערעס, פערזענלעכער באפרידיקונג, וועלכע פרוון זיך צעלייגן און פארביוראָקראטעווען דעם סאוועטישן אפאראט.

און טאקע דערפאר, ווייל מיר האבן צו טאן מיט א מאטעריאל פון לייכטן זשאנר, מוזן אָפּגעזוכט ווערן זייער דרייסטע סצענישע מיטלען, וועלכע זאלן פארוואנדלען דעם מאטעריאל אין א שארפן פאַמ־פלעט אפן קאריערעיזם און ביוראָקראטיזם.

די אויסטייטשונג פונעם מאטעריאל.

געבנדיק רע׳שסיאָרישע באמערקונגען, ווילן מיר בלויז געבן א מוסטער פון א מעגלעכער לייזונג (טראקטירונג), אבער דאס הייסט ניט, אז דאווקע דאס איז די אײנציקע לייזונג. יעדער קרייז דארף האבן און מוז האבן זיין אייגענעם צוגאנג.

איצט וועלן מיר צעגלידערן דעם איינאקטער אף באזונדער שטיק־לעך, יעדן שטיקל אָנרופן מיט אַ באַזונדערן נאָמען. שוין אינעם נאָמען אליין, וועט זיין אונטערגעשטראָכן דער געדאנק, וועלכן מיר ווילן דער־טראָגן צום צושויער און יעדער אנגערופענעם שטיקל באזונדער.

1-טע שטיקל: צייט־פארשווענדונג.

דער טרעסט איז פוסט. אין הינטערגרונט קלאפּט א גרויסער זייגער. זינגער קערט האַסטיק די פאדלאָגע. יעדעס מאָל, ווען ער ווארפט א בליק אפן זייגער, דרייען זיך איבער די ווייזערס אף א האלבער שאָ. פון צייט צו צייט רייסן זיך בא אים ארויס אפגעריסענע פראזן: „ביו־ראָקראטן״, „פוילער״, „צייט פארשווענדער״ און אז. וו.

2-טע שטיקל: איבערגעלאדנקייט פון א פאראנטווארטלעכן טוער.

(פון סימכאוויטשעס אריינקומען אין זיין דיאלאג מיט זינגערן). סימכאוויטש דארף שאפן אן איינדרוק פון אן ערנסטן פארהאוועטן פאראנטווארטלעכן טוער. דער דיאלאָג דארף זיין א שנעלער. פאר א רעגע באַווייזט סימכאוויטש אלץ באקוקן און מאכן צענדליקער פאראָדענונגען.

3-טע שטיקל: די איבערגעגעבנסטע פון די אנגעשטעלטע.

(דער ליבע-דיאלאג צווישן זינגערן מיט טאנצפוס). דאָסדאזיקע שטיקל דאַרף באַווייזן, אז דער קוריער און די מאַשיניסטקע זיינען די סאמע פלייסיקסטע אָנגעשטעלטע אין טרעסט. קעדיי דער ליבע-דיאלאָג זאל ניט ווערן סענטימענטאל, איז בעסער מע זאל אים באווייזן אפן פאָן פון אן אומגעהייער שנעלער ארבעט (טאנצפוס קלאפנדיק אפן מאשינקע, זינגער צוקלייבנדיק).

4-טע שטיקל: אַ ן א יי נ פ א ל.

(פון טאנצפוס ווערטער: „מיר דוכט, מע גייט, צי גייט דאָס ניט סימכאָוויטש". ביז וועסיאלערס אריינקומען). אין דעם שטיקל דארף קלאר ווערן, אז זיי קלייבן זיך אפשפילן א קאמעדיע.

5-טע שטיקל: די צווייטע יוגנט פון אן אלטן ביוראקראט.

(פון וועסיאלערס אריינקומען און זיין דיאלאג מיט טאנצפוס). בא זיין אריינקומען איז וועסיאלער בייז אף אלץ און אף אלעמען, האלט זיך מייסע באלעבאס פון טרעסט. פון טאנצפוס אריינקום, ווערט ער אין קעגנטייל: גוטהארציק, ווייך און יונג. דאָסדאזיקע שטיקל דארף בוילעט אויסדריקן: זיסן טרוים פון א קאריעריסט. קעדיי פארלייכטערן דאָס שפיל, איז מעגלעך, וועסיאלער זאל אין פארלוף פון דער סצענע עסן פארשיידענע געבעקסן, און מעכאבעד זיין אויך טאנצפוס.

6-טע שטיקל: די מאשיניסטקע לאכט.

(מאזורקא, וועסיאלער, טאנצפוס). ריידנדיק מיט זינגערן אין טעלעפאן, קאן טאנצפוס ניט אויסהאלטן און צעלאכט זיך שטארק. איר געלעכטער איז אלעמען פארדעכטיק, נאָר קיינער פון די אנגעשטעלטע פארשטייט ניט, וואס דאס באדייט. (דער געלעכטער איז דאָ אן עלעמענט פון אינטריגע).

7-טע שטיקל: רייכע פלענער פון סאוועטישע באטלאנים.

(פון סיוושינס און טייגלמאנס אריינקומען, ביז סיוושינס ווערטער: „איוב איך וועל וועלן, און אניט...") דאסדאזיקע שטיקל מוז אופדעקן די צווייפענימדיקייט (צוויעס) פון קליינע מענטשעלעך (מיט גאר גרויסע האסאגעס), וואס האבן זיך דורך פארשיידענע שפארונעס אריינגעריסן אין סאוועטישן אפאראט. אין זייער ערשטן אופטריט, און אין די מאמענטן, ווען זיי זיינען אליין, האלט זיך יעדערער פון זיי נאפאלעאניש. אין געשפרעך מיט מאזורקאן ווערן זיי קליינלעכע ווערעמלעך און ווייזן ארויס די העכסטע קונסט פון כניפע.

8-טע שטיקל: סאבאטאזש און דעמאגאגיע.

(פון דעם ארט, ווען מאזורקא נעמט די טעלעפאן-טרייבל, ביז וועסיאלער נעמט זי). דער טרעסט דארף גיין כאדעראם. די אנגעשטעלטע טאנצן טשעטשאטקע. טרינקען טיי, גענעצן און אז. וו. אלע סימולירן. מיט א בעקיוון מאכן זיי א טומל, אז עס איז ניטא, ווער עס זאל אונטערשרייבן די פאפירן, ווער עס זאל מאכן פאראָרדענונגען, קעדיי אונטער די אויגן דיסקרעדיטירן דעם פארזיצער. (דא דארף מען בוילעט באווייזן, אז דער פארזיצער איז זיי, ווי א ביין אין האלדז). זיי סאבאטירן מיט א קיוון, קעדיי דערווייזן, אז אדאנק אזא פארזיצער גייט דער טרעסט מיטן קאפ אראפ. דער פאגראם אפן פארזיצער (אונטער די אויגן) דארף דערפירט ווערן צו אזא מאדרייגע, ביז אלע אנגעשטעלטע (אויסער דער מאשיניסטקע) זאלן אויסשרייען: „נו, א פארזיצער!"..

9-טע שטיקל: ביוראקראטן בעזעמען זיך.

(פון דעם מאמענט, ווען וועסיאלער גייט צום טעלעפאן, ביז עס קומען זיך צענויף טייגלמאן, סיוושין און די איבעריקע אנגעשטעלטע) נאך דער יעדיע דורכן טעלעפאן, אז דער פארזיצער האט זיך דערשאסן, דארף אין טרעסט ווערן שטארק פריילעך: אנהויבנדיק פון לעקעכן און ענדיקנדיק מיט מאזורקען, לויפן אלע צום שפיגל, פארקאמען זיך, פוצן זיך צו, פאריכטן זיך די קראגנס, לויפן אלע איינציקווייז צו טאנצפוס, דערקלערן זיך אין ליבע. אלע זיינען שטארק האפערדיק, יעדער רייבט זיך די הענט און גרייט זיך פארנעמען דעם ארט פון פארזיצער.

10-טע שטיקל: קראקאדיל-טרערן.

(פון סיוושינס ווערטער: „וואס איז דא צו ריידן—א מענטש איז דאס געווען"... ביז מאזורקעס ווערטער: „די לעוואיע וועט פארקומען...

וועןָ?״). דאסדאזיקע שטיקל דארף זיין א פולקומער קאָנטראסט פונעם פאָריקן: יעדערער וויל זיך רעאַבילי̈טירן, דערקלערנדיק, אז זיי האבן זייער ליב געהאט דעם פאָרזיצער, אלע ברעכן אויס אין א ביטערן געוויין. (וויינען פארשטייט זיך מיט באָב-טרערן).

11-טע שטיקל: דער מעס האָט אפגעלעבט.

דאסדאָזיקע שטיקל דארף זיין דער פינאל, דאָס איבעריקע דארף גרויספאלן) ווען מאזורקאָ הייבט אן לייענען דעם נעקראָלאָג, קומען אריין (אומבאמערקט פאר אלעמען) סימכאָוויטש און זינגער. באם סאָף פון נעקראָלאָג, ווערט דער אלגעמיינער אימפּראָוויזירטער געוויין שטארקער, אייניקע הייבן אן קלוימערשט כליפּען, סימכאוויטש הייבט אויך אָן כליפּען—פאַראָדירנדיק אלעמען און צעלאכט זיך. אלע דרייען זיך אום, דערזעען סימכאָוויטשן בלייבן ווי געפּלעפט, אייניקע פאלן אום, אייניקע זעצן זיך אראָפּ אף די ערטער. א גרויסע פּאוזע. ביסלעכווייס טשוכען זיך אלע אויס, צעלויפן זיך אף גיך יעדערער צו זיין ארבעט, הייבן אן ארבעטן מיט א מוירעדיק שנעלן טעמפּ. און דאָ איז, נייטיק אן אויסגעשריי פון מאזורקען, עפּשער אזא: „גיכער; גיכער, גיכער! סאצגעוועט, ווי לענין האט געזאגט!... פינף-יאריקער פּלאן!״.. סימכאָוויטש: (באקוקנדיק אלעמען סארקאסטיש) „מיין טויט גייט בא אייך אויך אריין אין פינף-יאריקן פּלאן? האַ? האַ? ביוראָקראטן״!., (פאָרהאנג).

וועגן אלגעמיינעם אויסזען, קליידונג און גרים פון די אָנטיילנעמער.

נאך די אַלע אויבנויסגערעכנטע אָנווייזונגען איז קלאָר, אז דאס אויסערלעכע אויסזען, גרים, קליידונג—אלץ דארף זיין פארשארפט און דערפירט אפילע ביז קרומען שפּיגל. מע דארף שאפן א גאלעריי פון ביוראָקראטן און קאנצעליארישע מייז. מיט א באשיידענעם מענטשלעכן אויסזען דאַרפן דאָ נאָר זיין דריי פערזאָנען: סימכאוויטש, זינגער און טאנצפּוס.

סימכאָוויטש: 35—40 יאָר, אנגעטאָן ריין, שטרענג און באשיידן. קורץ באוואקסן, א שטרענגער נאר סימפּאטישער פּאָנים.

וועסיאָלער: 40—45 יאָר. אַן אַלטער פראַנט, אויסגעפּוצט מיט פאר-עלטערטן געשמאַק, נידעריקער וווקס, אַן אָפּגעפּרעסענער פארצעך מיט אַ גיידער, אַ גלאַנציקער פּליך, ווערעמדיקע אייגעלעך, זעט אויס, ווי אן אָפּגעטמאַלעטער כאזער.

מאזורקא: 25—26 יאָר. הויך, אויסגעדארט, מיט אן אויסגעצויגענעם פּאָנים. אין זיינע קליידער זיינען דאָ עלעמענטן פון הונדערט-פּראָצענטיקער פּראָלעטארישקייט און פון הונדערט פּראָצענטיקן נעפּ. טראָגט אַ לעדערנעם רעקל—אין א ווייכן קאפּעליוש. א לאנגע אויסגעניייטע העמד מיט א גארטל און לאקירטע שיך. קורץ געשאָרענע אין פעטס-אויסגעשמירטע האָר, צעטיילט אף דער העלפט און פארקאמט דין צום קאָפּ, קליינע ענגלישע וועג-צעלעך.

לוסטער: 45—50 יאָר, נידעריקער וווקס, אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע „טשארלזטאָן", אַ גרויסער ברייטער קאָפּ געשאָרן ווי אַ יאָזשיק, גרויסע שטרענגע וואָנצן. האט אן אויסזען פון אַ מאַלפּע.

לעקעד: 38—40 יאר. הויך, ברייטביינערדיק, א ביסל איינגעהויקערט, א גראָבער בויך. א גרויסער הינטן, א געלער געקעסטלטער קאָסטיום הענגט אף אים, ווי א זאק. דער קאָפּ ארום און ארום פּליכעוואַט און אויסגעגאָלט. אינמיטן קאָפּ עטלעכע שיטערע האָר, א גע-שוירן בערדל און קליינע וואָנצן.

טייגלמאן: 35—38 יאר. א לאנגער ייד, א לעיוצלעד, טראָגט א לאנגן מאנטל ביז דער ערד—מיט א הויכן אָנגעשטעלטן קראַגן. טיפע קאַלאָשן, א ווייכן שווארצן קאפּעליוש איבער די אויגן, מע זעט נאָר אַרויס דאָס מויל און א רויטע אויסגעקראָכענע בערדל.

סיוושין: קליין ווי א ליליפּוט. קיילעכדיק. טראָגט דיזעלבע קליידער און האט דעמזעלבן אויסזען, וואָס טייגלמאן.

זינגער: 20—22 יאָר. אַ ענערגישער פריילעכער יאט. טראגט שטיוול, א לעדערנעם רעקל, א קעפּ.

טאַנצפּוס: 18—20 יאר. א שלאַנקע מיידל אָן מאנירן. טראָגט א קאָמ-יוגיסטישן קאָסטיום.

בינע-אויסשטאטונג.

פאר דער סצענישער ראַם קענען דינען געוויינלעכע לייווענטן, (סוקנעס), וועלכע געפינען זיך אין יעדן קלוב. קעדיי ניט איינשליסן זיך אין די ענגע דריי ווענטלעך און שאפן מיט שפּארעוודיקע מיטלען דעם נייטיקן רוים און אטמאָספער פון טרעסט, איז מעגלעך זיך צו באַ-נוצן מיט אזא אויסשטאטונג: (זעט די צייכענונגען).

מיר נעמען אזא מאסשטאב, וועלכע זאל זיין צוגעפאסט צו דער מערהייט קלוב-בינעס: א קוב פון 4 מעטער. ד. ה. 4 מעטער די הויך, 4—די ברייט און 4 די טיף. די טיף פון דער בינע ווערט פארטיילט אין 4 פלאַנען. ד. ה. אז יעדער פלאן איז 4 מעטער די ברייט און איין מעטער די טיף.

— זעט די צייכענונג נומער 1. דאס איז דאָס אלגעמיינע אויסזען פון דער בינע, קוקנדיק פון צושויער-זאַל. אפן עסקיז זיינען אָנגעצייכנט דריי פארענצן (קאנטארקעס, וועלכע מע טרעפט אין יעדער קאנצעליאריע אָדער האנדל-אונטערנעמונג). די פארב פון די פארענצן קאָן זיין א טונקל ברוינע (ווי נוס-האלץ).

— ערשטער פלאן אינגאנצן פריי 1 מעטער די טיף.

— באם אָנהייב צווייטן פלאַן שטייט דער ערשטער פארענץ. 75 סאנט. די הויך, 3 מעטער מיט 20 סאנטימעטער די לענג.

— באם אָנהייב דריטן פלאַן שטייט דער צווייטער פארענץ— 90 סאַנט. די הויך, 2 מיט א האלבן מעטער די לענג.

באם אָנהייב פערטן פלאן—שטייט דעד דריטער פארענץ. 1 מעטר מיט 5 סאנטימעטער די הויך און 1 מעטער מיט 80 סאנט, די לענג.

הינטער יעדער פארענץ שטייען שרייב-טישלעך (זעט די צייכענונג נומער 2). הינטערן ערשטן פארענץ אין צענטער א שרייב-מאשינקע; (צייכענונג נומ. 2, טיש נומ. 2.) אין די פארענצן זיינען פאראן 5 טירלעך, וועלכע דארפן שאפן דעם איינדרוק פון א גרויסע צאל קאבינעטן (אף דער צייכענונג נומער 1 זיינען באצייכנט די טירן).

— פון הינטער דעם ערשטן פארענץ זעט מען די מענטשן אין דער העלפט.

— פון הינטער דעם צווייטן—זעט מען נאָר א דריטל.

— פון הינטער דעם דריטן—בלויז די קעפ.

— אפן ערשטן פלאן קאָנען ארויסגעפירט ווערן אלע סצענעס פון די דורכגייער און אייניקע אינדיווידועלע סצענעס.

דער שילד—שפייז-פראָדוקט—עקסטראַקט-טרעסט, וועלכער איז אנגעמאלט אף דער צייכענונג נומער 1. קאָן מען אנמאלן אף פאניר, אף לייוונט, אדער מע קאָן מאכן א לייכטנדיקן—מיט עלעקטריע.

באַמערקונג צו די צייכענונגען נומער 3 און 4.

אַף דער צייכענונג נומער 3 איז פאַרצייכנט אַ מיזאַנסצענע. מאזורקאָ איז אין צענטער, ער רעדט אין טעלעפאָן. (דער מאָמענט, ווען מען דערוויסט זיך, אז דער פארזיצער האט זיך דערשאסן). אלע אנגעשטעלטע זיינען געווענדעט אין דער ריכטונג פון טעלעפאָן.

אף דער צייכענונג נומער 4 די לעצטע מיזאנסצענע: מאזורקאָ לייענט דעם נעקראָלאָג, אלע זיינען געווענדעט אין זיין ריכטונג. אַפן הינטערגרונט באַווייזן זיך סימכאָוויטש און זינגער.



№ 1. דאס אלגעמיינע אויסזען פון דער בינע (קוקנדיק פון צושויער-זאל).



№ 2. דער פּלאַן פון דער בינע (קוקנדיק פונויבן).



№ 3. א מיזאנסצענע: דער מאמענט, ווען מאזורקא דערווייסט זיך דורכן טעלעפא.
אז דער דירעקטאר האט זיך דערשאסן. אין צענטער: מאזורקא רעדט אין טעלעפאן
פון אלע קאבינעטן זיינען די מענטשן געווענדעט אין זיין ריכטונג.



№ 4. א מיזאנסצענע: מאזורקא אין צענטער-לייענט דעם נעקראָלאָג, אלע ארטור
אימפּראָוויזירן א געוויין. אין הינטערגרונט באווייזט זיך סימכאָוויטש און זינגער.